# משיחת ש"פ משפטים תשל"א

ד. אויף קאפיטל כ"א פסוק ל"ז, וואס דאס איז די לעצטע פסוק פון דעם קאפיטל, שטעלט זיך רש"י אויף דעם וואס ער זאגט אין פסוק אז אויב איינער גנב'ט א שור אדער א שה וטבחו או מכרו דארף ער באצאלן חמשה בקר פאר א שור און ארבע צאן פאר א שה, און איז מפרש פארוואס אלע מאל ביי גניבה דארף דער גנב באצאלן מערניט ווי כפל, צוויי מאל אזויפיל, אע"פ אז דער קינד האט דאס נאך ניט געלערנט אבער ער וועט דאס באלד לערנען אין א פאר פסוקים שפעטער, און ביי טביחה ומכירה פון א שור אדער א שה דארף א גנב באצאלן חמשה אדער ארבע מאל אזויפיל, און ער ברענגט אראפ דאס וואס רבי יוחנן בן זכאי האט אויף דעם געזאגט, און ער זאגט ניט א טעם פארוואס ניט וויינקער נאר ער זאגט א טעם פארוואס ניט מער,

וואס דאס איז גלייך שולל דעם פירוש וואס מ'האט פריער געזעדט אז רש"י קומט באווארענען פארוואס אלע מאל דארף א גנב באצאלן מערניט ווי כפל און דא דארף ער באצאלן חמשה אדער ארבע, נאר רש"י קומט באווארענען פארוואס איז פאראן אט דער חילוק, אז פאר א שור דארף מען באצאלן חמשה בקר און פאר א שה דארף מען באצאלן נאר ארבע צאן, שטעלט ער זיך אויף חמשה בקר וגו' און איז מפרש: אמר רבי יוחנן בן זכאי חס המקום על כבודן של בריות, אז דער אויבערשטער איז חס על כבודן של בריות וואס דערפאר איז א שור שהולך ברגליו און די גנב דארף דאס ניט טראגן, באצאלט ער פינף מאל אזויפיל, משא"כ א שה שנושאו על כתפו באצאלט ער מערניט ווי פיר מאל אזויפיל הואיל ונתבזה בו מצד דערויף וואס ער האט דאס געדארפט טראגן,

דערנאך זאגט רש"י נאך א פירוש: אמר ר"מ בא וראה כמה גדולה כחה של מלאכה, קוק זיך צו און זע ווי גרויס איז כחה של מלאכה, אז א שור שבטלו ממלאכתו משלם ה', וואס דורך דעם וואס דער גנב האט גע'גנב'ט דעם שור האט ער מבטל געווען דעם בעל השור ממלאכה, דארף ער דעריבער באצאלן ה', משא"כ א שה שלא בטלו ממלאכתו דורך גנב'נן דעם שה האט ער ניט מבטל געווען דעם בעל השה ממלאכה, ס'איז מערניט וואס ער דארף באצאלן צוליב די גניבה, איז באצאלט ער נאר פיר מאל אזויפיל,

וואס ע"כ איז דער פירוש רש"י, עס זיינען אבער פאראן אין דערויף כמה וכמה דיוקים, סיי אין די קדימה, סיי אין דעם לשון פון רש"י, און סיי בנוגע דאס וואס ער ברענגט אראפ די נעמען.

וואס די ערשטע שאלה איז פארוואס דארף רש"י האבן צוויי פירושים? עס זיינען פאראן כמה וכמה פעמים וואו רש"י באגנוגנט זיך מיט איין פירוש, אע"פ אז אין דעם פסוק קען מען לערנען כמה פירושים, ברענגט אבער רש"י אראפ מערניט ווי איין פירוש, איז פארוואס דא איז רש"י ניט מסתפק מיט איין פירוש נאר ער מוז ברענגען צוויי פירושים?

און דא זאגט דאס רש"י אנדערש ווי ער זאגט דאס אומעטום, וואס אלע מאל וואו רש"י ברענגט אראפ צוויי פירושים זאגט ער ד"א אדער וי"ל אדער ורבותינו דרשו וואס דאס באווייזט דאך אז זיי זיינען צוויי באזונדערע פירושים, משא"כ דא, איז נאך דעם וואס רש"י ברענגט דאס וואס רבי יוחנן בן זכאי זאגט, זאגט ער ניט ד"א אדער וי"ל אדער אן אנדערע לשון וואס זאל באווייזן אז איצטער זאגט ער א צווייטער פירוש, נאר ער זאגט גלייך אמר ר"מ, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז רש"י נעמט אן בפשוטו של מקרא אז דאס איז ניט קיין מחלוקת צווישן ריב"ז מיט ר"מ נאר דאס איז אלץ איין פירוש,

ובפרט אז רש"י זאגט דעם לשון אמר ר"מ און ניט ר"מ אומר, וואס אט דער פירוש פון ריב"ז און ר"מ איז פאראן אין כמה מקומות, דאס שטייט אין גמרא ב"ק, און אין תוספתא פון ב"ק, אין מכילתא, און אין מדרש תנחומא נח, איז אין אנדערע פון די ערטער שטייט דער לשון ר"מ אומר און ריב"ז אומר וואס דאס באווייזט דאך אויף א פלוגתא, רש"י אבער זאגט דוקא דער לשון אמר ריב"ז און אמר ר"מ וואס דאס ווייזט אז דאס איז ניט קיין פלוגתא,



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 511 הודפס ע"י א

וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק, זיי זיינען צוויי באזונדערע ענינים, איין הסברה איז אז חס הקב"ה על כבודן של בריות און דער צווייטער הסברה איז אז גדולה כח של מלאכה, און זיי זיינען געזאגט געווארן ע"י צוויי באזונדערע מענטשן, איין ענין האט געזאגט ריב"ז און דער צווייטער ענין האט געזאגט ר"מ וואס ער איז געווען כמה דורות לאחרי ריב"ז, איז ווי קען רש"י לערנען אז דער ענין פון גדולה כחה של מלאכה וואס ר"מ האט געזאגט איז איין פירוש מיט דעם ענין פון חס הקב"ה על כבודן של בריות וואס ריב"ז האט געזאגט מיט כמה דורות לפני זה?

דערנאך דארף מען פארשטיין וואס אין רש"י איז פאראן א שינוי הלשון, וואס ביי ר"מ זאגט ער דער לשון בא וראה כמה גדולה כחה של מלאכה, אז פון דא קען מען ניט זען ווי גרויס איז כחה של מלאכה, משא"כ ביי ריב"ז זאגט ניט רש"י דער לשון בא וראה כמה גדולה כבודן של בריות, נאר ער זאגט סתם הקב"ה חס על כבודו של בריות, אע"פ אז אין אנדערע ערטער שטייט טאקע דער לשון בא וראה אויך ביי ריב"ז, וואס מ'מוז דאך זאגן אז רש"י האט געפונען אזא גירסא אז ריב"ז האט געזאגט סתם הקב"ה חס על כבודן של בריות ווארום אויב ניט וואלט ער ניט געקענט זאגן אז אזוי זאגט ריב"ז, מ'זעט דאך אבער אז רש"י איז מדייק און קלייבט אויס דוקא אט דער גירסא און ניט די גירסא פון בא וראה,

ולכאורה, וויבאלד אז בנוגע ר"מ זאגט רש"י דער לשון בא וראה כמה גדולה כחה של מלאכה, האט ער ביי ריב"ז אויך געדארפט זאגן דעם זעלבן סגנון, בא וראה כמה גדולה כבודן של בריות, איז פארוואס איז רש"י משנה און זאגט סתם "הקב"ה חס על כבודן של בריות"?

אויך איז ניט פארשטאנדיק: אין תנחומא איז פאראן א גירסא, און דאס האט אויך אן ארט אין פשטות הכתובים, אז ריב"ז האט געזאגט חס הקב"ה אפילו על גנב, וואס דאס איז נאך א גרעסערער חידוש ווי חס הקב"ה על כבודן של בריות, ווארום בריות איז דאך ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא אז ער האט קיין שום מעלה ניט, מערניט ווי דער ענין פון בריות, אז דער אויבערשטער האט אים באשאפן, ער האט דאך אבער אויך קיין חסרון ניט, א פאראווע, ניט קיין מעלה און ניט קיין חסרון, אבער א גנב האט דאך א חסרון, ער איז א גנב, איז בשעת מ'זאגט "חסר הקב"ה אפי' על גנב", איז דאס א גרעסערער חידוש ווי "חס הקב"ה על כבודן של בריות",

איז וויבאלד אז דא רעדט זיך טאקע וועגן א גנב, איז פארוואס ברענגט רש"י אראפ דער ענין כבודן של בריות, ער האט געדארפט להשמיענו נאכמער אז ריב"ז זאגט חס הקב"ה אפילו על גנב?

ווייטער איז פאראן נאך א דיוק אין סדר הענינים, וואס רש"י ברענגט פריער אראפ ריב"ז און דערנאך ר"מ, וואס בכ"מ שטייט דאס מיט א סדר הפוך, פריער ר"מ און דערנאך ריב"ז, דארף מען פארשטיין פארוואס איז רש"י מדייק זאגן דאס דוקא מיט אט דער סדר אז צום ערשטן קומט דאס וואס ריב"ז זאגט אז חס הקב"ה על כבודן של בריות און דערנאך קומט דאס וואס ר"מ זאגט בא וראה כמה גדולה כחה של מלאכה?

דערנאך קומט די קשיא הידועה, פארוואס דארף רש"י זאגן די נעמען פון בעלי המימרא, אז דאס האט געזאגט רבי יוחנן בן זכאי און דאס האט געזאגט ר"מ? עס איז פאראן בכמה וכמה מקומות וואו רש"י ברענגט אראפ א דרשה פון רז"ל און ער זאגט ניט ווער עס האט דאס געזאגט, איז פארוואס דא ברענגט רש"י אראפ די נעמען ריב"ז און ר"מ? וואס פון דעם איז פארשטאנדיק, כמדובר כמה פעמים, אז דא איז עפעס שווער אין פשטות הכתובים, נאר דאס איז ניט קיין אויבנאופיקע קשיא און עס איז ניט קיין הכרח אז דער בן חמש למקרא וועט דאס פרעגן, עס איז מערניט אז אויב דער תלמיד איז א תלמיד ממולח און ער וועט זיך כאפן אויף דער קשיא, באווארנט דאס אים רש"י אז דאס האט געזאגט ריב"ז און דאס האט געזאגט ר"מ ובמילא

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 512 הודפס ע"י

גייט אראפ אויך אט דער קשיא.

וכפי שיתבאר לקמן די אלע דיוקים, און ווי זיי זיינען אלע פארשטאנדיק אין פשוטו של מקרא פאר א בן חמש למקרא וואס דאס איז דרכו של רש"י, וכמדובר כמה פעמים.

אומקערענדיק זיך צו דער רש"י:

מפרשים קלערן דאך וואס איז פארט סוכ"ס דער חילוק צווישן ריב"ז און ר"מ? וואס וועט זיין די נפק"מ צי דער טעם איז דאס וואס חס הקב"ה על כבודן של בריות, צי דער טעם איז שבטלו ממלאכתו?

אבער באמת אז מ'טראגט זיך גאר צו צו דער רש"י קען מען זען א חילוק, און א חילוק וואס איז מובן בפשטות הכתובים, וואס אויב מ'זאגט אז דער טעם פארוואס די תורה זאגט אן פאר א שור דארף מען באצאלן חמשה און פאר א שה נאר ארבע איז וויל חס הקב"ה על כבודן של בריות ווי ריב"ז זאגט, אז א שור שהולך ברגליו ולא נתבזה בו משלם ה' משא"כ א שה שנושאו על כתפו משלם ד', איז וואס הייסט דאס, אז בעצם דארף מען באצאלן פינף מאל אזויפיל, און עס איז מערניט אז ביי א שה האט די תורה אראפגענומען איינער מצד דעם וואס ער האט געהאט בזיון, אבער באמת דארף מען באצאלן חמשה,

משא"כ אויב מ'וועט זאגן ווי ר"מ, אז דער טעם פארוואס די תורה האט מחייב געווען חמשה בקר תחת השור וארבע צאן תחת השה איז ווייל שור שבטלו ממלאכתו ה' משא"כ א שה שלא בטלו ממלאכתו איז נאר ד', איז וואס הייסט דאס, פארקערט, בעצם דארף מען באצאלן פיר מאל אזויפיל, נאר ביי שור האט די תורה מחמיר געווען און האט מחייב געווען דעם גנב חמשה מצד דערויף וואס בטלו ממלאכתו, אבער באמת דארף מען פאר די גניבה באצאלן מערניט ווי ארבע און די פינפטע איז צוליב ביטול מלאכה,

און דא זעט מען ווי אויב נאר מ'טראכט זיך אריין אין דער רש"י, אפילו אן א גרויסע התבוננות, קען מען זען א פשוט'ע חילוק צווישן די צוויי טעמים, און א נפק"מ ביז אין הלכה, צי דער עיקר החיוב איז חמשה, צי דער עיקר החיוב איז ארבע, וואס לויט ריב"ז וואס ער זאגט אז דער טעם איז ווייל חס הקב"ה על כבודן של בריות, קומט אויס אז דער עיקר הקנס איז חמשה און עס איז מערניט אז ביי א שה האט די תורה אראפגענומען איינער ווייל נתבזה בו, האט ער שוין באצאלט מיט זיין בזיון, משא"כ לויט ר"מ וואס ער זאגט אז דער טעם איז ווייל שור בטלו ממלאכתו, קומט אויס אז עיקר הקנס איז נאר ארבע, און דאס וואס פאר א שור האט די תורה מחייב געווען חמשה, איז דאס ניט פאר די גניבה נאר פאר די מלאכה וואס דער גנב האט מבטל געווען דעם בעל השור ממלאכתו,

עפ"ז ווערט דאך אבער נאך שטארקער די קשיא וואס מ'האט פריער גערעדט פארוואס זאגט ניט רש"י ד"א אדער וי"ל נאר ער מאכט פון די צוויי פירושים איין ענין, ווארום לפי"ז איז ניט נאר וואס זיי זיינען צוויי באזונדערע פירושים, נאר זיי זיינען גאר פירושים <u>הפכיים</u>, אז לויט ריב"ז איז דער עיקר הקנס חמשה און לויט ר"מ איז דער עיקר הקנס ארבע, איז נאך מער ניט פארשטאנדיק ווי קען רש"י מאכן פון די צוויי פירושים איין ענין? וכפי שיתבאר לקמן.

ז. ס'איז פאראן נאך א קשיא וואס מפרשים פרעגן אויף דאס וואס ריב"ז זאגט "חס הקב"ה על כבודן של בריות", אז אויב מ'וועט גיין זאגן אז דאס וואס די תורה איז מחייב נאר ארבע צאן פאר א שה איז דאס דערפאר וואס דער גנב האט געהאט בזיון מיט דעם וואס ער האט די שה געדארפט טראגן, הואיל ונתבזה בו, איז דאס דעמולט ניט פארבונדן מיט טביחה ומכירהה, ווארום די בזיון איז געווען בשעת הגניבה אבער ניט בשעת טביחה ומכירה. איז פארוואס געפינט מען אט דער חילוק צווישן א שור און א שה דוקא ביי אט דער קנס וואס די תורה קנס'ט צוליב טביחה ומכירה און ניט אין די קנס פון כפל? אויב דער גנב דארף באצאלן מער צוליב דעם וואס טבחו או מכרו אבער ניט צוליב דעם עצם גניבה, האט דאך ניט געדארפט זיין קיין חילוק אין די תשלומין צווישן א שור און א שה ווארום אין די טביחה ומכירה איז ניטא קיין חילוק צווישן זיי?

און נאך א קשיא וואס איז דא פאראן: ווי קען מען זאגן אז דער טעם פארוואס



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 517 הודפס ע"י א

דער גנב דארף באצאלן נאר ארבע צאן פאר א שה איז הואיל ונתבזה בו, ער האט געהאט בזיון מצד דעם וואס ער האט די שה געדארפט טראגן, אין דערויף איז דאך ניטא קיין בזיון ווארום קיינער האט עס ניט געזען? בשעת אימיצער געפינט זיך בחדרי חדרים און קיינער זעט ניט וואס טוט זיך מיט אים, איז ניט שייך זאגן אז ער זאל האבן בזיון פון דאס וואס ער טוט ווארום קיינער זעט אים ניט, איז וויבאלד אז קיינער האט דעם גנב ניט געזען טראגן דעם שה, ווארום דאס איז דער גאנצער חילוק צווישן א גנב און א גזלן, אז א גזלן ווערט ניט נתפעל פון מענטשן אז ער גזל'ט אפילו בשעת אלע זען, משא"כ א גנב ווערט נתפעל פאר מענטשן און ער גנב'ט דוקא בשעת קיינער זעט ניט, איז וויבאלד קיינער האט אים ניט געזען ווי ער טראגט דעם שה, איז ניט שייך אין דערויף קיין בזיון?

איז דער ביאור אין דעם, אין הכי נמי אז בשעת הגניבה איז ניטא קיין בזיון, ווארום קיינער זעט ניט, אבער נאך דעם וואס מ'כאפט דעם גנב און מ'ברענגט אים אין ב"ד, און עס קומען עדות און זאגן ווי ער האט גע'גנב'ט, איז דעמולט ווערט א פרסום און עס ווערט נתגלה אז ער האט גע'גנב'ט א שה, און ווי אזוי האט ער געקענט נעמען די שה, האט ער דאס געמוזט טראגן, במילא ווערט נתגלה פאר אלע מען אז דער גנב האט געהאט אן ענין פון בזיון, אז ער האט געדארפט טראגן א שה על כתפו,

און דערפאר איז אט דער חילוק צווישן א שור און א שה פאראן ביי דער דין פון טבחו או מכרו, ווארום ביי די גניבה אליין איז ניטא קיין בזיון ווייל דעמולט זעט אים קיינער ניט, און דער גאנצער בזיון וואס ער האט קומט נאך דעם וואס ער האט דאס גע'שחט'ן אדער פארקויפט, און מ'ברענגט אים אין ב"ד, איז דעמולט ווערט נתגלה אן ענין פון בזיון פארן גנב, איז במילא בשעת די תורה איז מחייב דעם גנב צו באצאלן מער צוליב די טביחה ומכירה, איז מען מחייב ווייניקער פאר שה ווי פאר א שור הואיל ונתבזה בו,

במילא קען שוין רש"י ניט זאגן בא וראה כמה גדולה כבודן של בריות, ווארום דא איז ניט פאראן קיין בזיון וואס מ'זאל דערפון קענען זען דער גדלות פון כבודן של בריות, ווארום ווי געדעדט פריער, אז בשעת דער גנב האט געטראגן דעם שה האט ער קיין בזיון ניט געהאט ווייל קיינער האט אים ניט געזען, קען מען ניט זאגן "בא וראה כמה גדולה" כבודן של בריות ווארום דא איז ניטא דער חס הקב"ה על כבודן של בריות, אז דער אויבערשטער האט רחמנות אויף כבודן של בריות, אז בשעת מ'ברענגט דעם גנב אין ב"ד און עס ווערט נתגלה אז ער האט געטראגן א שה על כתפו וואס דאס איז ניט כבודן של בריות, איז שייך צו זאגן אז דער אויבערשטער האט רחמנות און הייסט באצאלן פאר ארבע צאן און ניט חמשה, אבער אן אמת'ער ענין פון בזיון אז מ'זאל קענען אויף דערויף זאגן "בא וראה כמה גדולה" כבודן של בריות, איז דא ניט פאראן, וואס דערפאר ברענגט רש"י אראפ דוקא דער ענין אז אמר ריב"ז חס הקב"ה על כבודן של בריות, ניט ווי ער זאגט ווייטער ביי ר"מ "בא וראה כמה גדולה כחה של מלאכה",

און דערפאר קען רש"י אויך ניט זאגן חס הקב"ה אפילו על גנב, ווארום וויבאלד אז דא רעדט מען לאחרי ווי מ'האט געכאפט דעם גנב און מ'האט אים געבראכט אין ב"ד, האט ער דאך זיכער חרטה פון די גניבה און ער וויל ניט זיין קיין גנב, ווארום ווען גנב'ט א מענטש, בשעת ער רעכנט אז דורך זיין גניבה וועט ער האבן א שור, וועט ער האבן א שה, דעמולט גנב'ט ער, משא"כ בשעת מ'כאפט אים און מ'ברענגט אים אין ב"ד, און ניט נאר וואס מ'נעמט פון אים צו דער שור אדער די שה, נאר ב"ד הייסט אים נאך באצאלן פיר אדער פינף מאל אזויפיל פון זיין אייגענע נכסים, האט ער דאך זיכער חרטה און וויל ניט זיין קיין גנב,

דעריבער קען רש"י ניט זאגן חס הקב"ה אפילו על גנב, ווייל פון דאנעט איז קיין ראי' ניט, עס קען דאך זיין אז דאס וואס מ'האט אויף אים דא רחמנות און מ'הייסט אים באצאלן נאר פיר מאל אזויפיל פאר א שה, איז דאס דערפאר וואס



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 518 הודפס ע"י

ער האט חרטה פון די גניבה און וויל ניט זיין קיין גנב, במילא ווערט ער אויס גנב, אבער אויף א גנב קען טאקע זיין אז מ'האט ניט קיין רחמנות.

וואס דאס איז אלץ דעת ריב"ז אז בעצם דארף מען באצאלן פינף מאל אזויפיל פאר טביחה ומכירה, נאר ביי א שה איז מען אים מחייב נאר פיר ווייל "חס הקב"ה על כבודן של בריות".

עפ"ז קומט אבער דער נגנב מיט א טענה: אמת טאקע מ'דארף רחמנות האבן אויף "כבודן של בריות" און צוליב דעם וואס נתבזה בו וויל די תורה מחייב זיין דעם גנב נאר ארבע צאן פאר א שה, אבער פארוואס דארף איך ליידן פון דעם? וויבאלד אז בעצם איז א גנב חייב חמשה פעמים פאר טביחה ומכירה, אויך פאר א שה, און ס'איז מערניט אז צוליב דעם וואס א שה איז איננו הולך ברגליו נאר עס דארף זיין נושאו על כתפו ובמילא האט דער גנב געהאט בזיון פון דעם וויל מען אראפנעמען פון זיין חיוב און אים מחייב זיין נאר פיר מאל אזויפיל, אבער פארוואס דארף דאס דער נגנב דערלייגן? ווילסט אים געבן א שה פאר זיין בזיון, איז נעם ארויס א שה מקופה של צדקה און גיב דאס אפ דעם גנב, אבער דער נגנב דארף דאס ניט פארלירן?

דערפאר קומט רש"י און זאגט ניין, אז ר"מ זאגט אז בעצם דארף די נגנב באקומען נאר פיר מאל אזויפיל, אפילו פאר א שור, און ס'איז מערניט אז צוליב דעם וואס ביטלו ממלאכתו ע"י גניבת השור הייסט מען דעם גנב באצאלן חמשה, אבער בעיקר הקנס דארף דער נגנב באקומען מערניט ווי ארבע, קען ער שוין קיין טענה ניט האבן אויף דעם וואס צוליב כבודן של בריות הייסט מען דעם גנב באצאלן נאר ארבע צאן פאר א שה,

און דערפאר ברענגט אראפ רש"י דעם צווייטן ענין אז "אמר ר"מ בא וראה כמה גדולה כחה של מלאכה" אז "שור שבטלו ממלאכתו ה' שה שלא בטלו ממלאכתו ד'", אז ר"מ זאגט אז ניט־קוקנדיק אויף דעם וואס עיקר הקנס איז גאר ד', איז די תורה מחייב חמשה פעמים פאר א שור צוליב דעם וואס בטלו ממלאכתו, משא"כ ביי א שה, וואס דערמיט פארענטפערט ער אט דער טענה וואס דער נגנב קען האבן אויף דעם וואס ריב"ז זאגט אז מצד דערויף וואס "חס הקב"ה על כבודן של בריות" דארף מען באצאלן נאר ארבע צאן פאר א שה, אע"פ אז לכאורה דארף דער נגנב ניט ליידן מצד דעם ענין פון כבודן של בריות, ווארום בעצם דארף דער נגנב באקומען מערניט ווי ארבע און ס'איז מערניט אז צוליב ביטול מלאכה קנס'ט מען דעם גנב מיט א פינפטע מאל פאר א שור, אבער ביי א שה וואו ס'איז ניטא דעם טעם, באקומט ער טאקע מערניט ווי פיר,

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז ניט קיין פלוגתא צווישן ריב"ז מיט ר"מ, נאר ריב"ז רעדט וועגן דעם גנב און ר"מ רעדט וועגן דער נגנב, אז דאס וואס ריב"ז זאגט אז עיקר הקנס איז חמשה און פאר א שה איז ווייניקער צוליב כבודן של בריות, איז דאס בנוגע צו דעם גנב, משא"כ בנוגע צו דעם נגנב, זאגט ר"מ אז דער עיקר הקנס איז נאר ארבע, אז ער דארף באקומען מערניט ווי פיר, נאר צוליב דעם ענין פון ביטול מלאכה דארף דער גנב באצאלן חמשה, איין מאל פאר די מלאכה, און דערפאר זאגט ניט רש"י ד"א, ווארום דאס איז טאקע אלץ איין פירוש, ניט צוויי באזונדערע זאכן.

און דערפאר ברענגט דאס רש"י ניט אראפ מיט א פארקערטער סדר, פריער ר"מ און דערנאך ריב"ז, נאר ער ברענגט דאס דוקא אין דעם סדר, פריער ריב"ז און דערנאך ר"מ, ווארום מ'קען ניט פריער אפצאלן דעם נגנב און דערנאך צונעמען דאס פון דעם גנב, נאר פריער דארף מען צונעמען דאס פון גנב און דערנאך ערשט קען מען דאס אפגעבן דעם נגנב, דאס איז דאך דער סדר הישר, במילא ברענגט פריער רש"י ריב"ז וואס ער רעדט וויפל דער גנב דארף באצאלן, און נאך דעם ברענגט ער ר"מ וואס ער רעדט וויפל דער נגנב דארף באקומען,

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 519 הודפס ע"י

וואס נוסף לזה קען מען דאס לערנען גאר בפשטות, אז פון דעם וואס עס שטייט אין פסוק פריער "חמשה בקר תחת השור" און דערנאך "ארבע צאן תחת השה" איז פארשטאנדיק אז דער עיקר הקנס איז טאקע חמשה, ווארום אויב עיקר הקנס וואלט געווען ארבע, האט דאך ניט קיין ארט אז אין פסוק זאל שטיין פריער חמשה און ערשט דערנאך ארבע וואס דאס איז דער עיקר, איז וויבאלד אז פון פסוק קומט אויס אז דער עיקר הקנס איז חמשה און דערפאר שטייט דאס פריער, זאגט דאס רש"י אויך אין אזא סדר, פריער ריב"ז וואס ער זאגט אז עיקר הקנס איז חמשה, און ערשט דערנאך ר"מ וואס ער זאגט אז עיקר הקנס איז ארבע, וואס דאס איז מתאים מיטן סדר פון פשטות הכתובים.

ועפי"ז זיינען פארשטאנדיק אט די אלע דיוקים, פארוואס רש"י זאגט ניט ד"א, און פארוואס זאגט ער ניט חס הקב"ה אפי' על גנב, און פארוואס ער זאגט ניט בא וראה כמה גדולה כבודן של בריות, און דער עיקר די קלאץ קשיא, פארוואס איז דער ענין פון בזיון פארבונדן מיט טביחה ומכירה דוקא.

עס בלייבט דאך אבער ניט פארשטאנדיק, פארוואס ברענגט רש"י אראפ די נעמען רבי יוחנן בן זכאי און ר"מ, וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע לענינננו, איז דער ענין פון כבודן של בריות פארבונדן מיט דעם ענין פון גמילות חסדים, ווארום עס דארף דאך זיין "והמפייסו" בכדי עס זאל ניט ארויסקומען קיין בזיון, ביז וואנעט אז הנותן איז מתברך נאר בששה, אבער המפייסו איז מתברך בי"א ברכות,

איז מסתמא וועט מען איצטער מכריז זיין וועגן דער מלוה מלכה פון גמילות חסדים שומרי שבת, און זאל דאס זיין בהשתתפות של כל אחד ואחד, וכידוע די גודל המעלה פון גמ"ח און ווי מ'האט גערעדט פריער אין מאמר וואס דער ש"ך זאגט אויף "מלבד עולם הבקר", אז "מלבד" איז א ר"ת מלוה לעני בשעת דחקו, ובפרט גמ"ח וואס גמ"ח איז אויך לעשירים, און זאל דאס זיין מתוך שמחה וטוב לבב.

(לאחר שהכריז ר' ש. ג. שי' אודות המלוה מלכה אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א: עס קען זיין בסבר פנים יפות איצטער אויך און ניט דוקא היינט ביינאכט. ואח"כ אמר לו: זאגט א ניגון וועט דאס זיין מתוך שמחה וטוב לבב).

* * *

ח. די טעם פארוואס רש"י דארף ברענגען די נעמען פון די בעלי המימרא, ריב"ז און ר"מ איז, ווארום לויט רש"י קומט אויס אז ריב"ז קוקט אויפן גנב און ער האלט אז בנוגע דער גנב איז עיקר הקנס חמשה און ס'איז נאר אז צוליב דעם וואס חס הקב"ה על כבודן של בריות איז מען אים מחייב נאר ארבע צאן פאר א שה הואיל ונתבזה בו, משא"כ ר"מ קוקט אויפן נגנב און ער האלט אז בנוגע דעם נגנב איז עיקר הקנס ארבע, און ס'איז מערניט אז בנוגע א שור איז וויבאלד אז ביטלו ממלאכתו, דארף ער באצאלן חמשה, איין מאל פאר דעם ביטול מלאכה, איז אויב דער בן חמש למקרא וועט פרעגן אז פארוואס עפעס רעדט ריב"ז וועגן דעם גנב, און ר"מ רעדט וועגן דעם נגנב, זאגט אים רש"י אז דאס האט געזאגט ריב"ז און דאס ר"מ, איז שוין דער ענין מובן.

ואדרבא, לויט ריב"ז קען דער בן חמש למקרא פרעגן א שטארקע קשיא, ווארום די קינד ווייסט אז אויף יעדער עבירה וואס מ'טוט דארף מען באקומען אן עונש, ביז וואנעט אז אפילו אויב מ'טוט תשובה דארף מען אויך באקומען אן עונש, ווי עס שטייט "וביום פקדי ופקדתי" אע"פ אז דער אויבערשטער האט שוין געזאגט סלחתי כדבריך און דער עונש איז אלע מאל לפי ערך החטא, אז וואס דער חטא איז א גרעסערער דארף מען באקומען א גרעסערער עונש, און ווי מ'זעט דאס דא אין עם דין פון גניבה, אז פאר טביחה ומכירה דארף מען באצאלן ניט סתם כפל נאר ארבעה וחמשה,

במילא פרעגט דער בן חמש למקרא: ווי זאגט ריב"ז אז הואיל ונתבזה בו דארף



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 520 הודפס ע"י

ער באצאלן ווייניקער, איפכא מסתברא, וויבאלד אז ער האט זיך ניט אפגעהאלטן פון גנב'נן אפילו דארט וואו ער האט גהעאט בזיון, איז דאס נאך א גרעסערער חטא ווארום דאס באווייזט אז ער איז געווען מער אריין געטאן אין די גניבה ווי מ'זעט אז ער האט זיך ניט אפגעהאלטן אפילו אין א פאל פון בזיון, במילא דארף ער באצאלן נאך מער, ער דארף באצאלן שש אדער שבע?

און דערפאר דארף רש"י זאגן די נעמען, אז טאמער וועט זיך דער בן חמש למקרא אריין גריבלען זיך אין דעם טיפער און פרעגן אז די סברא פון הואיל ונתבזה בו איז ניט קיין טעם פארוואס ער זאל באצאלן ווייניקער, נאר אדרבא, דאס איז א טעם פארוואס ער זאל באצאלן מער ווארום דאס ווייזט אז דער חטא איז א גרעסערער במילא דארף ער האבן א הארבערער עונש, זאגט אים רש"י אז דאס האט געזאגט ריב"ז, במילא גייט אראפ די קשיא.

וואס דער ענין פון ריב"ז און ר"מ קען מען זען פון א פריערדיקע פלוגתא דארט אין גמרא, אויך צווישן ריב"ז און ר"מ, וואס די גמרא זאגט: שאלו תלמידיו את ריב"ז מפני מה החמירה תורה בגנב יותר מבגזלן? פארוואס האט די תורה מער מחמיר געווען ביי א גנב ווי ביי א גזלן אז א גנב דארף באצאלן כפל און ד' וה'? און ער האט זיי געענטפערט: זה השוה כבוד עבד לכבוד קונו וזה לא השוה כבוד עבד לכבוד קונו, כביכול עשה עין של מטה כאילו אינו רואה, אז א גזלן וואס השוה עין של מטה פונקט ווי ענין של מעלה, אז פונקט ווי ער ווערט ניט נתפעל פאר דעם אויבערשטער, ווערט ער ניט נתפעל פאר בני אדם וואס זעען אים, קומט אים ניט אזא עונש, אבער א גנב וואס לא השוה עין של מטה לעין של מעלה, אז פאר עין של מעלה, פאר'ן אויבערשטן ווערט ער ניט נתפעל, נאר ער ווערט נתפעל פאר עין של מטה, ער האט מורא אז בני אדם זאלן אים ניט זען וואס דערפאר גנב'ט ער בשעת קיינער קוקט ניט, וואס דאס איז ווי ריב"ז האט געזאגט והלואי שתהי' יראת שמים עליכם כיראת בשר ודם, תדע כשאדם עובר עבירה אומר והלואי שלא יראני אדם. איז אים קומט אן עונש חמור יותר ווארום ער האט מער מורא פאר בני אדם ווי פארן אויבערשטער,

און ער ברענגט אויף דערויף דריי פסוקים: הוי המעמיקים מה' לסתיר עצה והי' במחשך מעשיהם וגו', אז ער טוט זיינע ענינים בחשך און דער אויבערשטער זעט ניט, א צווייטער פסוק: ויאמרו לא יראה י-ה ולא יבין אלקי יעקב וגו', אז דער אויבערשטער זעט, און א דריטע פסוק: עזב ה' את הארץ ואין ה' רואה,

מ'דארף אבער פארשטיין: נאך וואס דארף ער בכלל ברענגען א ראי' פון א פסוק אויף דעם, מ'זעט דאך בפועל אז דער גנב ווערט ניט נתפעל פארן אויבערשטן און אויב ער דארף ברענגען א ראי' פון א פסוק, איז נאך וואס דארף ער ברענגען דריי פסוקים? מוז מען דאך זאגן אז די פסוקים זיינען עפעס מוסיף ביאור אין דעם,

איז די הסברה בזה, ער קומט דא פארענטפערן, וואס לכאורה, וויבאלד אז די גנב אליין איז מודה אז ס'איז דא אן ענין של מעלה, ווארום מ'רעדט דאך ניט וועגן אזא מין וואס גלויבט ניט אז ס'איז דא אן ענין של מעלה, נאר ער אליין איז מודה אז ס'איז דא אן ענין של מעלה, איז ווי קומט עס טאקע אז ער ווערט ניט נתפעל פאר עין של מעלה? און אויף דעם ברענגט ער די פסוק והי' במחשך מעשיהם, אז דער גנב גלויבט טאקע אז ס'איז דא אן עין של מעלה, אבער ווען זעט דער אויבערשטער דוקא בשעת עס איז ליכטיק, אין מיטן טאג בשעת ס'איז מאיר דעם אור השמש און מענטשן גייען פארביי אין גאס, איז דעמולט זעט דער אויבערשטער אויך, אבער במחשך, בשעת ס' איז פינסטער, דעמולט זעט דער אויבערשטער אויך ניט, במילא האט ער ניט וואס צו מורא האבן,

וואס עס איז דאך א גרויסע שטות צו האלטן אזוי, אז דער אויבערשטער קען זען דוקא בשעת ס'איז ליכטיק, משא"כ בשעת ס'איז פינסטער זעט ער ניט ווארום ביי דער אויבערשטער איז קיין חילוק ניט צי עס איז ליכטיק צי עס איז פינסטער,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 521 הודפס ע"י

און מה דאך אז ס'איז פאראן א בעל חי וואס קען זען אין די פינסטערניש, כ"ש דער אויבערשטער וואס ער האט באשאפן אט דער בעל חי, קען ער דאך זיכער זען אפילו במחשך, איז ווי קומט עס אז דער גנב זאל מאכן אזא טעות?

איז אויך דעם ברענגט עס דער צווייטער פסוק, אז אט דער מצב קומט פון א פריערדיקע מצב, און דאס איז וואס נאך פאר דעם האלט ער אז לא יראה י-ה ולא יבין אלקי יעקב, אז דער אויבערשטער איז אזוי גרויס און ער האט קיין שייכות ניט צו ראי', ווארום כדי אז מ'זאל זען דארף מען האבן אן עין, און דער אויבערשטער איז אין לו דמות הגוף, האט ער ניט קיין עין גשמי, און עס איז ניט שייך צו רעדן ביי דעם אויבערשטן אפילו אן ענין פון רוחניות שבגשמיות אדער גשמיות שברוחניות, במילא איז דער אויבערשטער ניט בגדר צו זען, האט ער דאך ניט וואס צו נתפעל ווערן פאר אים,

איי עס איז דאך הנוטע אוזן הלא ישמע היוצר עין הלא יביט, אז אויב דער אויבערשטער קען באשאפן עינים אז מ'זאל זען קען ער דאך זיכער זען, טראכט ניט אזוי, ווי קומט עס טאקע? אויף דעם ברענגט ער א דריטע פסוק, אז דאס קומט פון א פריערדיקע מצב, און דאס איז וואס נאך פאר דעם האלט ער אז עזב ה' את הארץ ואין ה' רואה, אז ס'איז דאך רם על כל גוים הוי', במילא איז דער וועלט צו נידעריק אז דער אויבערשטער זאל משגיח זיין אין וועלט, במילא געפינט ער זיך ניט דא, ובמילא זעט ער ניט וואס ער טוט און ס'איז נאר על השמים כבודו,

און דאס איז דער סדר, אז בשעת דער יצר הרע קומט איין רעדן א איד אז ער זאל טאן אן עבירה, קען ער אים ניט גלייך זאגן אז ער זאל טאן פארקערט פון ווי דער אויבערשטער וויל, דעמולט וועט מען אים ניט פאלגן, איז די ערשטע זאך זאגט אים דער יצר הרע אז עזב הוי' את הארץ, אז מצד דערויף וואס דער אויבערשטער איז אזוי מרומם איז ער ניט משגיח דא למטה, קענסטו טאן וואס דו ווילסט ווארום דער אויבערשטער געפינט זיך ניט דא,

דער יצר הרע איז זיך אבער מיט דערויף ניט מסתפק ווארום דאס איז ניט קיין מרידה אין דעם אויבערשטן, ביז וואנעט אז חסידי אומות העולם טענה'ן אויך אז עזב הוי' את הארץ ובמילא איז דאס ניט קיין מרידה ווארום דער אויבערשטער געפינט זיך ניט דא למטה דאס איז שלא בהכרח, און דער יצר הרע וויל דאך אז א איד זאל זיין א יודע את רבונו ומכון למרוד בו, רעדט ער אים איין נאכמער, אז באמת געפינט זיך דער אויבערשטער דא למטה על הארץ, ס'איז אבער לא יראה י-ה, אז דער אויבערשטער זעט ניט אט די ענינים ווארום דאס איז אים ניט נוגע, בשעת מ'לערנט תורה דעמולט זעט דער אויבערשטער און דאס איז אים נוגע, אבער מ'גנב'ט, איז דאס שוין אן ענין וואס ער זעט ווייל אים איז ניט נוגע און ער האט ניט קיין שייכות צו זען אט די זאכן,

דאס איז אבער נאך אלץ ניט גענוג ווארום עס איז נאך אלץ ניט קיין מרידה, רעדט אים איין די יצר הרע נאך מער, אז באמת דער אויבערשטער קען טאקע זען און עס איז אים נוגע, אבער ער קען זען דוקא בשעת עס איז ליכטיק, משא"כ בשעת עס איז פינסטער, והי' במחשך מעשיהם, דעמולט קען ער טאקע ניט זען ובמילא קענסטו טאן וואס דו ווילסט, און דאס איז שוין אן אמת'ער מרידה.

און דאס איז טאקע ניט אזוי פשוט אז עס זאל זיין דער שויתי ה' לנגדי תמיד, און ווי דער רמב"ם זאגט אין מורה נבוכים אז דאס איז א שווערער זאך אז א מענטש זאל שטענדיק פילן אז דער אויבערשטער געפינט זיך ביי אים, דער שויתי הוי' לנגדי תמיד.

און בהמשך צו דעם זאגט ריב"ז זיין צווייטער מימרא, אז חס הקב"ה על כבודן של בריות, ווארום וויבאלד אז ריב"ז זאגט אז דאס וואס דער גנב האט גע'גנב'ט, און דאס וואס לא השוה עין של מטה לעין של מעלה, איז דאס ניט ווייל בעצם וויל ער גנב'נן און בעצם ווערט ער ניט נתפעל פארן אויבערשטן, נאר פארקערט, ער



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 522 הודפס ע"י

אליין איז ניט שייך צו דעם און ס'איז מערניט אז דער יצר הרע רעדט אים איין, און מיט די אלע הקדמות ווי מ'האט פריער געזעדט, איז דערפאר דארף מען מלמד זכות זיין אויפן גנב, און דערפאר איז חס הקב"ה על כבודן של בריות, אז הואיל ונתבזה בו דארף ער באצאלן מערניט ווי ארבע, ד.ה. אז דער עיקר הקנס איז חמשה, נאר צוליב דעם וואס חס הקב"ה על כבודן של בריות, דארף ער באצאלן פאר א שה נאר ארבע צאן הואיל ונתבזה בו,

און דערפאר קען מען שוין ניט פרעגן אז דער ענין פון בזיון דארף זיין א טעם אויף מחייב זיין נאך מער מצד דערויף וואס דער חטא איז געווען א גרעסערער, ווארום דעת ריב"ז איז צו מלמד זכות זיין אויפן גנב, אז ס'איז מערניט וואס די יצר הרע האט אים איינגערעדט, דארף ער באצאלן נאר ארבע.

דערנאך זאגט די גמרא אז ר"מ האט געגעבן הסברה פארוואס די תורה האט מחמיר געווען בגנב יותר מבגזלן, און ער האט געגעבן אויף דערויף א משל: למה הדבר דומה לשני בני אדם שהיו בעיר ועשו משתה, צוויי מענטשן וואס האבן געמאכט א משתה, אחד זימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך ואחד לא זימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך, איינער האט איינגעלאדנט די בני העיר אבער ער האט ניט איינגעלאנדענט די בני המלך, און דער צווייטער האט ניט איינגעלאדענט ניט די בני העיר און ניט די בני המלך, איזה מהן עונשו מרובה, וועמענס עונש איז גרעסער? זה שזימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך, דער וואס האט איינגעלאדענט די בני העיר אבער ניט די בני המלך, זיין עונש איז גרעסער פאר דער וואס האט קיינעם ניט איינגעלאדן, ניט די בני העיר און ניט די בני המלך.

און דאס איז א משל אויף דעם ענין פון א גנב און א גזלן, אז א גזלן ווערט ניט נתפעל ניט פארן אויבערשטן און ניט פאר בני אדם, וואס אין דעם משל איז דאס לא זימן לא את בני העיר ולא את בני המלך, באקומט ער ניט אזא גרויסע עונש, משא"כ א גנב ווערט נתפעל פאר בני אדם און ווערט ניט נתפעל פארן אויבערשטער, איז זיין עונש דארף זיין א גרעסערע.

מ'דארף אבער פארשטיין: וואס גיט צו אט דער משל אויף דעם ענין וואס ריב"ז האט שוין פריער געזאגט? און פארוואס גיט מען א משל פון א משתה? און פארוואס זאגט ער אין דעם משל דא זימן את <u>בני</u> המלך, דא רעדט מען ניט וועגן די בני מלך נאר וועגן דעם מלך אליין?

און דא זעט מען ווי מ'קען ניט פארשטיין נגלה דתורה אן פנימיות התורה, אבער בנוגע וואס א בן חמש למקרא קען פארשטיין איז דער ביאור אין דעם: אז נאכדעם וואס ריב"ז האט שוין מלמד זכות אויפן גנב און דער ענין איז שוין אפגעטאן, קומט צו גיין ר"מ און איז מבאר אז ווי קומט עס אז דער גנב זאל ניט נתפעל ווערן פארן אויבערשטן, איז דאס דערפאר וואס רעכנט אז ער האט ניט צו טאן מיטן מלך אליין נאר מיט בני המלך, ער האט צו טאן מיט משה רבינו וואס ער האט מקבל געווען די תורה און ער האט געזאגט לא תגנוב, און ער האט צו טאן מיט מלאכים וואס זיי ווערן אנגערופן עיני ה', רעכנט ער זיך ניט מיט דעם, וואס דערפאר גנב'ט ער.

וואס זעט מען אבער פון דעם משל? אז דאס וואס א גנב האט מורא פאר בני אדם און ער וויל ניט אז אימיצער זאל אים זען איז דאס אן ענין פון זימן את בני העיר, ד.ה. אז ער גיט זיי אפ כבוד און גיט זיי אפ דרך ארץ וואס דערפאר וויל ער ניט גנב'נן בפניהם, בדוגמא ווי איינער לאדענט איין בני העיר צו א משתה וואס דאס איז אן ענין של כבוד ודרך ארץ.

וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז דאס וואס דער גנב נעמט צו א זאך פון דעם נגנב שלא בפניו, ניט ווי א גזלן וואס כאפט דאס אוועק גפניו, וואס אין דעם משל איז דאס אן ענין פון לא זימן את בני העיר, נאר ער היט זיך אז דער נגנב זאל אים ניט זען, ווייזט דאס אויף א רגש של כבוד, אז דער גנב רעכנט

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 523 הודפס ע"י א

זיך מיטן נגנב און גיט אים אפ כבוד, אדער דאס ווייזט אויף א רגש של אהבה אז ער האט אן אהבה צו אים, אדער א רגש של יראה אז ער האט מורא פאר אים, און דערפאר רעכנט ער זיך מיט אים און ער גנב'ט דוקא שלא בפניו,

און בהמשך לזה קומט ר"מ און זאגט אז דאס וואס מ'געפינט א חילוק צווישן א שור און א שה, אז ביי טביחה או מכירה פון א שור דארף די גנב באצאלן חמשה, משא"כ ביי די טביחה ומכירה פון א שה דארף ער נאר צאלן ארבע, איז פון דעם קען מען זען גדולה כחה של מלאכה, אז שור שביטלו ממלאכתו ה' אבער שה שלא ביטלו ממלאכתו ד', ווארום וויבאלד אז דעת ר"מ איז אז דער גנב רעכנט זיך מיטן נגנב און ער האט פאר אים א רגש של כבוד, אדער א רגש של אהבה, אדער א רגש של יראה, ווי מ'זעט אז ער גנב'ט ניט בפניו, איז דערפאר לגבי דעם נגנב הייסט ניט אז דער גנב האט שטארק חוטא געווען, ווארום אדרבא, די גנב האט א רגש של כבוד פארן נגנב, איז במילא קען דער נגנב ניט מאנען אזויפיל פון דעם גנב, דעריבער קומט די נגנב מערניט ווי פיר מאל אזויפיל און ניט מער, ד.ה. אז עיקר הקנס איז מערניט ווי ארבע, און דאס וואס פאר א שור דארף די גנב באצאלן חמשה, איז דאס ניט מצד די גניבה, נאר דאס איז מצד א סיבה צדדית, מצד דעם וואס ביטלו ממלאכתו,

און דערפאר זאגט רש"י אז דאס האט געזאגט ר"מ, ווארום דאס גיט א הסברה אין דעם גאנצן ענין: היות אז ר"מ האלט אז דער גנב האט א רגש של כבוד פארן נגנב, במילא האלט ער אז לגבי דעם נגנב, וויפל די נגנב קען מאנען, איז עיקר הקנס נאר ד', און דאס וואס די תורה הייסט באצאלן חמשה בקר פאר א שור, איז פון דעם קען מען זען כמה גדולה כחה של מלאכה, ווייל דאס איז ניט צוליב די גניבה נאר צוליב דעם וואס ביטל ממלאכתו.

ובנוגע צו דער יינה של תורה וואס איז פאראן עכ"פ ברמז בפירוש רש"י, זעט מען דאך אז ר"מ איז מדמה דער ענין פון גניבה צו א משתה, וואס דער ביאור אין דעם איז וואס דא רעדט זיך נאך דעם וואס דער גנב האט האט שוין גע'גנב'ט און מ'האט אים שוין געכאפט, און מ'הייסט אים אומקערן די גניבה און מקיים זיין די מצוה פון אפצאלן דאס וואס ער האט גע'גנב'ט, איז דאס דער ענין פון אתכפיא סט"א, אז דער גנב וואס האט פריער גע'גנב'ט און האט עובר געווען אויפן לא תגנוב, איז ער קערט אום די גניבה און טוט וואס די תורה הייסט, איז דאס אן ענין פון אתכפיא סט"א, און דער ענין פון אתכפיא סט"א איז א משתה פאר דעם אויבערשטן, ווארום דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל,

און ווי ער זאגט אין תניא: ועשה לי מטעמים, וואס מטעמים איז דער ענין המשתה, איז דאס דער ענין פון אתכפיא סט"א, אז אתכפיא סט"א איז די מטעמים פון דעם אויבערשטן, דער וגם רשע ליום רעה.

אין דערויף גופא איז אבער פאראן די צוויי ענינים, (חסר).

און דורך אט דער משתה וואס מ'מאכט פארן אויבערשטן, איז מען זוכה צו די סעודה של לויתן וואס וועט זיין לע"ל, ווארום לע"ל וועלן אלע אידן זוכה זיין צו דער סעודה של לויתן, דאס קומט אבער ע"י עבודתנו איצטער בזמן הגלות אין דעם ענין פון אתכפיא סט"א, (חסר קצת).

און בקרוב ממש וועט מען זוכה זיין צו זיצן בסוכת עורו של לויתן, בביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, און אין אן אופן פון ושמחת עולם על ראשם.

--------------- * ---------------

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 524 הודפס ע"י

משיחת ש״פ משפטים תשל״ה

ה. כרגיל ללמוד ענין בפרש"י על הסדרה וזה בנוגע לפרש"י שדובר ע"ז בתשל"א כו"כ דיוקים, ועדיין נשאר קלאץ קשיא, וכבר עברו ארבע שנים ואף אחד לא שאל את הקלאץ קשיא, וישנה כבר הרשימה ע"ז, כפי שראו אפי' אלה שלא היו כאן, וגם אלה שהיו אבל הם חלמו אז על דברים אחרים, עכ"פ הם ראו אח"כ את הרשימה, ואעפ"כ אף אחד לא שאל ע"ז כלום, ומובן שאין מה לחכות עוד ארבע שנים כי גם אז לא ישאלו, ולכן צריך לבד לעורר ע"ז, וזה בפסוק על תשלומי ארבעה וחמשה, בפרק כ"א פ' ל"ז, חמש בקר ישלם תחת השור וארבע צאן תחת השה, ורש"י מביא חמשה בקר אמר ר"י בן זכאי וכו', א"ר מאיר בא וראה כמה גדולה כחה של מלאכה, שור שבטלו ממלאכתו משלם חמשה ושה שלא בטלו ממלאכתו משלם ארבעה, וכאן ישנה הקלאץ קשיא מה החידוש פה של ר"מ כמה גדולה כוחה של מלאכה, הרי ענין זה שצריך לשלם בשביל מלאכתו והובא כבר קודם, וזה לא דבר שלמדו בפרשה הקודמת שאז יתכן שהוא כבר שכח מזה, אלא בפרשה זו גופא שכתוב רק שבתו יתן ורפא ירפא, שלאחרי ששילם לו את כל התשלומין של נזק צער ורפוי ובשת, אז ישנו עוד תשלום של שבת, שבאותו זמן שהוא הי' חולה ולא יכל לעשות שום מלאכה, אפי' לא שומר הקישואים, אז על הזמן הזה הוא צריך לשלם לו כמו שומר קישואין, כפי שרש"י מביא שם שהרי את דמי היד או הרגל הוא כבר שילם לו בתשלום של נזק, וזה התשלום של שבת על ביטול מלאכתו, בזמן זה, ושם רש"י מביא את זה בלי שום פארד, והוא - לא אומר שזה חידוש של ר"מ, והוא לא יכול להגיד שזה ר"מ כי זה אליבא דכ"ע היות שהוא ביטלו ממלאכתו, אלא שהחידוש הוא שגם כזה ענין של מניעת הריווח הוא ג"כ היזק וצריך לשלם לו, וזה כבר מובא בשבת, וא"כ מדוע כשבאים פה לדין של ארבעה וחמשה אז רש"י עושה מזה פארד, ואומר אר"מ בא וראה כמה גדול כוחה של מלאכה, לכאורה הרי"ז אמור קודם בפשטות, ולאו דווקא שיטת ר"מ, והקושיא היא לא רק על רש"י אלא גם על הגמ' שהדין של ר"מ כמה גדול וכו' אמור רק לגבי ארבעה וחמשה ולכאורה א"מ מדוע. (נ.א. אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון וואס רש"י ברייגנגט דא כוחה של מלאכה, וואס איז די דיוק אין דעם לשון מלאכה און זאגט ניס סתם דעם נזק וואס ער האט גורם געווען מצד דעם מניעת הריווח, נאר פון דעם איז מובן אז רש"י וויל דא מרמז זיין א נייעם ענין וואס איז פארבונדן מיט מלאכה דווקא, און דאס האט מען ניט געהאט פריער ע"כ).

ועד"ז בנוגע לשמות (נ.א. און אויך דערצו דארף ער אויך ברייגנגען דעם בעל המימרא, און פריער בשעת ער ברייגנגט דעם ענין, איז הגם דאס איז אויך פון א בעל מימרא מיוחד ברייגנגט ער ניט קיין נאמען, ווארום דאס איז ניט א ענין וואס איז דווקא אליבא איין מאן דאמר, נאר דאס איז א ענין וואס איז מובן אליבא דכו"ע איז פארוואס עפעס דא ברייגנגט דאס רש"י מיט א בעל מימרא, ע"כ). של ר"י בן זכאי ור"מ, שר"י בו זכאי הולך לשיטתו בנוגע לענין של החילוק בין גנב וגזלן, ועפי"ז ג"כ שיטתו בנוגע לארבעה וחמשה, אז עדיין זה לא מספיק כי פה מביאים

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 422 הודפס ע"י

ראי' ג"כ מאותו ענין של גניבה וגזילה, וזה לא נותן חיזוק לענין, כי הראי' היא מאותו ענין עצמו, אלא צריך למצוא את הלשיטתו של ריב"ז לא רק בענין של גניבה וגזילה, אלא שזוהי שיטתו בכלל בכל מקום, והראי' צ"ל מענין אחד וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע לפרש"י הביאור הוא שכאן לא מדבר רש"י על ההיזק שנעשה ע"י ביטול המלאכה שזה אמור בנוגע לשבת, שצריך לשלם את מה שגרם לו מניעת הריוח, מצד שבטלו ממלאכתו וכאן לא מדובר על מניעת הריוח שהי' לו מצד ביטול המלאכה, אלא ישנו פה ענין נוסף וע"ז משלם בשור חמשה, אבל מה שהזיק אותו ע"ז שמנע את הרויח ע"י ביטול מלאכתו זה נכלל בנזק, וצריך לשלם את זה ע"ד בשבת, וזה דבר ברור, וע"ד שלא צריך לפרש שמה שכתוב שמשלם לו חמשה בקר, אז אין הכוונה שאם הזיק לו שור גדול יותר אז הוא ישלם לו חמשה שוורים קטנים שיתכן שזה יהי' פחות מתשלום של כפל או אפי' פחות מהקרן, אלא זה דבר ברור שנותן לו חמשה בקר לפי השוויות של השור שמזיק לו, ועד"ז מובן בפשטות שמשלם לו את כל ההיזק שגרם לו ע"ז, כולל גם מניעת הריוח שביטלו ממלאכתו, אז צריכים להעריך את הנזק שגרם לו, כמה הפסיד מזה שלא יכל לחרוש עם השור בימים אלה, וזה הוא משלם לו ג"כ וזה לא רק בשור אלא גם בארבע צאן תחת השה, שבזה נכלל הריוח שיכול להיות לו ע"ז, שמהשה יש לו חלב ויכול לעשות גבינה ולמכור את זה, ולהרויח כסף, ועד"ז אם זה שה כבשים אז יש לו ג"כ צמר, אז מובן שהוא צריך לשלם לו את כל מה שגרם ע"י הנזק שלו, וזה לא קשור דווקא במלאכה ולא כל סוגי הריוח שיכול להיות לו מזה צריך לשלם לו, וזה כבר נכלל גם בארבעה שמשלם תחת השה, והתשלום שמשלם עוד פעם בשור, הוא ענין נוסף ע"ז.

וזה בא ר"מ לבאר בשור משלם עוד פעם, מאחר שהוא שלם לו כבר את כל הנזק כולל מניעת הריוח מביטול מלאכתו, א"כ מדוע ישנו עוד תשלום חמשה בקר, וע"ז אמר ר"מ בא וראה כמה גדול כוחה של מלאכה, היינו שאע"פ שהוא נתן לו כבר את כל הנזק, אבל היות שביטלו ממלאכתו, היינו שהוא לקח ממנו את האפשרות של מציאות המלאכה שלא יכול לחרוש, אז אע"פ ששילם לו את המניעת הריוח, אבל היות שלקח ממנו עצם הענין של המלאכה לכן משלם לו עוד תשלום של חמשה, ולא מצד הנזק שגרם לו אלא שלקח ממנו עצם ענין המלאכה, היינו שלא יכול לחרוש עם השור, כי את הנזק שגרם בממון משלם כבר, (נ.א. וואס מיט דעם קען מען פארענטפערן דאס וואס מפרשים פרעגן פארוואס דארף מען צאלן ה' נאר ביי א שור און ניט ביי א שה, דלכאורה ביי א שה איז אויך געווען מניעת הריוח, אויב למשל עס האט געגעבן חלב איז אין דעם צייט וואס דער בעה"ב האט ניט געהאט קיין חלב, פון איר און עס איז דאן אויך די צמר וואס מען קאן אראפנעמען פון א צאן איז לכאורה ניט דווקא ביי א שור איז דא דער ענין פון מניעת הריוח ע"כ.)

וזה גם בשה שמשלם על החלב והצמר שיכל להרויח בזה, ואע"פ שיתכן שבהלכה זה לא כך, שלא צריך לשלם לו את המניעת הריוח שגרם ביטול ממלאכתו, ועד"ז חלב וצמר, ויש שקו"ט בהלכה אם צריך לשלם בשעת הגזילה או בשעת הטביחה אבל עכ"פ בנוגע ללימוד של פשוטו של מקרא, אז מובן בפשטות שצריך לשלם לו גם כל מניעת הריוח ובשור ישנו ענין נוסף שביטל עצם ענין המלאכה, וע"ז הוא משלם פעם אחת יותר מאשר בשה.

ויש לקשר ענין זה - לא בנוגע לרש"י - עם המדרש שמובא בנוגע לאברהם אבינו, שהוא עבר בארם ועוד כמה מקומות, וראה שאנשים אוכלים ושותים ופוחזין, אז הוא אמר לא יהא חלקי עמהם, ואח"כ כשבא לארץ כנען וראה שבנ"א חורשים בשעת חרישה, וזורעים בשעת זריעה, אמר יהא חלקי עמהם, ומובן שכל אלה שהיו פוחזין לא הי' חסר להם דבר שהרי אומר שהם אוכלים ושותים, אלא עצם הדבר שלא הי' אצלם ענין המלאכה לכן אברהם אמר שלא יהא חלקי עמהם, אלא הסדר שצ"ל שיהי' ענין המלאכה, ובזמן חרישה אדם צריך לחרוש, ובשעת זריעה צריך לזרוע, שזה אמר אפי' בנוגע לגוי, ועאכו"כ ביהודי שאדם לעמל יולד.

ובנוגע לשמות שמזכיר כאן את השם של ר"י בן זכאי ודנבר אז שזה לשיטתו בענין החילוק בין גנב לגזלן, שעפי"ז מבאר כאן הטעם של חמשה בקר, שכ"ז הרי בנוגע לאותו ענין של גניבה וגזילה, וצריך למצוא לשיטתו בענין אחר, שזה מורה שהשיטה שלו הוא כזו, וזהו שכתוב בברכות אמרו עליו על ר' יוחנן בן זכאי שמהלשון אמרו עליו משמע שזה ענין מיוחד ששיך אליו, היינו שזו היתה שיטתו, שהי' מקדים

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 425 הודפס ע"י או

שלום לכל אדם ואפי' לנכרי בשוק, והטעם לזה אפ"ל ע"פ הלכה שזה הי' כדי שלא יצטרך לומר פעמים, אבל הטעם בפשטות הוא מצד כבוד הבריות היינו שאצלו הי' יקר בנגיך של כבוד הבריות ולכן הי' מקדים שלום לכל אדם, אפי' לנכרי בשוק, וא"כ זוהי שיטתו הענין של כבוד הבריות ועד"ז אומר בנוגע לתשלומי ארבעה וחמשה, שהתורה חסה על כבוד הגנב, ששה שלקחו בידים ונתבזה בו משלם רק ארבעה, ושור שהולך ברגליו ולא נתבזה בו, משלם חמשה, (וכאן נוסף שאומר נכרי ולא גנב כי בנוגע לגניבה אפשר שיעשו תשובה?) (נ.א. אבער דא זאגט ער נישט דעם לשון גנב ווארום דא איז ער אין א מצב וואס ער האט חרטה: עצם ענין נאר ער זאגט סתם כבוד הבריות אפי' אויף אזא, ע"כ.)

ועד"ז צ"ל בנוגע לר"מ מהו הלשיטתו שר"מ סובר ג"כ כך במקום אחר, ועפי"ז מפרש כאן פירושו, והביאור הוא שהחילוק כאן בין ריב"ז לר"מ הוא שריב"ז אומר ששור הולך ברגליו, ואילו ר"מ אומר את הענין ששור בטלו ממלאכתו, שעם שור עושים מלאכה, והחילוק בכללות בין הענין שהולך ובין ענין המלאכה שבשור הוא, שהענין שהולך ברגליו זה במשך כל ימי השור משעה שנולד והוא עגל בן יומו הוא כבר הולך ברגליו, משא"כ שה לא הולך ברגליו היינו כשבא ענין מיוחד, אז שה לא הולך ברגליו, וע"ד הסיפור עם משה רבנו שרץ אחרי שה ולקחו על כתיפו, כי השה הי' עייף וצמא, ועד"ז שכתוב ודפקום יום אחד ומתו כל הצאן, שאם ימהרו אותם בהליכתם אז ומתו כל הצאן, ועד"ז יובן בגנב שגונב שה והוא ממהר כדי שלא יתפסו אותו בגניבה, והוא ממהר ואז קשה ולא יכול ללכת ברגליו, אלא צריך לקחת אותו על כתיפו, משא"כ שור שהוא יותר חזק משה אז גם כשהוא ממהר יכול השור ללכת ברגליו, שהרי ודפקום יום אחד ומתו זה אמור לגבי הצאן ולא לגבי בקר.

שזהו בנוגע לזה ששור הולך ברגליו שזה כל ימי השור משא"כ ענין המלאכה שיש אצל השור, זה רק חלק מימי השור, שהרי תיכף שנולד א"א לחרוש אתו אלא צריך לקחת זמן, ואם אח"כ הוא חורש רק ביום ולא בלילה, והחרישה היא לא כל השנה אלא רק בזמן החרישה שזה פעם לפני הזריעה ועוד פעם אחרי הזריעה, ובשאר הזמן אין ענין המלאכה שבשור, והיינו שענין המלאכה בשור הוא זמן מצומצם בחיי השור ובחיי בעל השור, וא"כ מדוע אומרים שצריך לשלם חמשה כי בטלו ממלאכתו, הרי כל הענין של מלאכת השור הוא רק זמן מצומצם בחיי השור, ומדוע צריך לשלם חמשה.

ובכלל א"מ הרי כתוב כאן וטבחו או מכרו, היינו שקודם כתוב המציאות שהוא שחט את השור, ואח"כ שהוא מכר אותו, והיות שאמר קודם את הענין של וטבחו מזה משמע שהעיקר הענין שיכול לעשות עם השור זה טביחה ואם זה הי' שור חזק שראוי לחרישה, אז עיקר הענין לא הי' צ"ל וטבחו, כי כזה שור לא שוחטים כ"ז שהוא ראוי למלאכה, וזה תורא לרדיא אז לא שוחטים ובלשון הגמ' כשור לעול, וכאן אומר וטבחו היינו שזה כזה שור שלא ראוי לחרישה אלא לטביחה ורק אח"כ אומר את המציאות של ומכרו, וזה מתרץ רש"י בזה שמביא את בעל המימרא שזהו ר' מאיר, ששיטת ר"מ בכל הש"ס הוא שר"מ חייש למיעוטא שזה יודע גם א פיצעל קינד שר"מ חייש למיעוטא, ולכן אע"פ שכללות ענין המלאכה בשור הוא רק זמן מצומצם בחיי השור אעפ"כ ר"מ חייש למיעוטא, ולכן הוא אומר שצריך לשלם חמשה בקר תחת השור, מצד שביטלו ממלאכתו וכמה גדול כוחה של מלאכה, והיות שזה קושיא שלא נשאלת כ"כ בפשטות לכן רש"י לא כותב בפירוש, אלא שאם תלמיד ממולח ישאל קושיא זו, מתרץ לו רש"י ע"ז שמביא את בעל המימרא.